בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ק"ב

יו"ל: י"ז סיון ה'תשפ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה״ב

**1-845-200-0443**

**(ארה״ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקות הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 יכולין להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**דער אנהויב פון דעם וויינגארטן**

**״יש להקל אופן התשובה״**

**דארטן כאפט מען נישט קיין פלעצער...**

**באקומען א פלאץ לעבן דעם מהר״ם מראטענבערג**

**זאת התורה - אדם**

**פתחו לי - עפן מיר אויף!**

**געשריגן ביז די לעצטע רגע...**

**גערדארפט אלץ אוועקלייגן**

**״נישט דאווענען - און מיינען אז מען דאוונט״**

ניתן להאזין לכל השיחות שי״ל על ידינו:

בקו ׳מערכת ברסלב׳

**ארה״ק: 02.560.7387**

**ארה״ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

לשמיעת השיעור המצו״ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח״כ #102**

בס"ד

# שיעור פרשת נח
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 106#)

## דער אנהויב פון דעם ווייגארטן

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' ק"צ – "ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דיבר ה' נעשה" וכו') **אז דער ר' ישראל איז אריינגעקומען צום רבי'ן, האט דער רבי אים געזאגט: "דו ביסט דאך א למדן, וועל איך דיר זאגן א לומד'ישע תורה" - האט ער אים געזאגט דעם מאמר.**

**ר' ישראל איז געווען א זיידע פון רבי נחמן טולטשינער; רבי אברהם'ס** (רבי נחמן'ס) **אַן עלטער זיידע.**

(עיי"ש כל התורה:) **"ובזה היה תלוי בחירת משה לקבל את התורה או שלא לקבל, כי לא היה אפשר לקבל את התורה רק אחר שלשה ימים כמו שהיה באמת, ואם לא היה מוסיף יום אחד, לא היה מקבל את התורה, והשם יתברך לא אמר לו רק שני ימים והוא הבין מדעתו ובחר לו לקבל את התורה והוסיף יום אחד, שעל ידי זה היה קבלת התורה, ובזה היה תלוי עיקר הבחירה של משה במה שהוסיף יום אחד מדעתו". צדיקים זענען תמיד מוסיף; זיי זענען זוכה - דער רבי זאגט אין תורה ל"ג, און אין תורה י"ט -** ("לשמוע בקול דברו" -) **אז זיי הערן דעם אויבערשטן אליין; זיי הערן די דיבורים פונעם אויבערשטן אליין! "ה' שמעתי שמעך" - פון די וואס האבן געהערט פון דיר אליין! די צדיקים הערן דאך פון דעם**

אויבערשטן אליין, איז ווי אזוי קענען זיי האבן א בחירה? נאר זייער בחירה איז, אז זיי זענען כסדר מוסיף, זיי מאכן אלץ גדרים, משמרת למשמרת; און די גדרים וואס זיי מאכן - אט דאס איז אינגאנצן זייער בחירה[א].

(ר' משה בינענשטאק: די אלע מצוות התורה האט משה רבינו נישט געהאט אויף זיי קיין בחירה?)

אזוי קומט אויס דא; די גאנצע תורה איז דאך געווען מיט א בחירה - ווען משה זאל ווען קומען נאך צוויי טעג, וואלט ער ווען קיין תורה נישט גענומען, די שכינה וואלט דאך נישט געקומען נאך צוויי טעג, וואלט דאך נישט געווען קיין קבלת התורה. פארוואס איז געווארן קבלת התורה? ווייל משה האט מוסיף געווען איין טאג כדי עס זאל טאקע זיין דריי טעג, און דער אויבערשטער איז טאקע געקומען נאכן דריטן טאג; די גאנצע קבלת התורה איז אנגעהאנגען אין משה'ן.

אזוי איז כסדר - רבי נתן רעדט עס אין א הלכה[ב], אז אפילו ביי יעדן איינעם איז אויך דא א בחינה דערפון. למשל, די חכמים דארטן מאכן א גדר: 'שניות לעריות', 'שבות לשבת' - זיי מאכן א גדר; אז עס איז דא א 'כרם' - און דער וויינגארטן הויבט זיך אן פון ווייטער - און נאכדעם גייט א גדר - אז די חכמים האבן געמאכט א גדר,

---

[א] עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז, אות נ': "אך עקר הבחירה של הצדיק שהוא בחינת משה הוא בבחינת משה הוסיף יום אחד מדעתו, כמו שכתבתי במקום אחר (בספר חיי מוהר"ן קצ"ז). ...ומשם היה בחירתו של אדם הראשון כנ"ל. ועל כן באמת כל מכשול החטא שלו היה על ידי שהוסיפה על הצווי כמו שאמרו רז"ל, ועל ידי זה נכשלו לגמרי ועברו על מצות ה', כי בוודאי אסור להוסיף על דברי השי"ת כמו שכתוב, לא תוסיף עליו. אבל אף על פי כן מצינו שמשה רבינו הוסיף יום אחד מדעתו וה' יתברך הסכים עמו, כמו שאמרו רז"ל, **אך בוודאי יש בזה חילוקים רבים, כי הלא מצינו בכל הצדיקים החכמים הראשונים שהוסיפו כמה גזירות וגדרים ברוב המצוות שהם בחינת משמרת למשמרת, כגון שבות לשבת** וכו' כמו שאמרו רז"ל, ועל כן באמת לנו אסור לגמרי לגרוע או להוסיף, **אבל גדולי הצדיקים יש להם בזה בחירה, שיש כמה דברים שהם צריכים להבין מדעתם אם להוסיף אם שלא להוסיף. ועל כן באמת יש יגיעה ועבודה גדולה בזה כמו שהבנתי מדבריו ז"ל בעת שדיבר מזה"** וכו', עיי"ש בפנים באריכות יותר.

[ב] עי' ברכת השחר ה"ה, צ"ד. גם עי' בספר "כוכבי אור" חלק 'ששון ושמחה' תפילה א' הערה ג': "כי אף על פי שעיקר הבחירה להבין מעצמו הוא רק אצל גדולי גדולים שהם בבחינת משה שהוסיף יום אחד מדעתו (שבת פח) אבל **גם אצל אנשים פשוטים נמצא קצת מעין זה**, שזה עיקר שורש הבחירה של כל אחד, ומכל שכן וכל שכן בדבר נורא ונשגב כזה צריכין להשתמש בזה יותר ויותר. **וכן מובן מדברי מוהרנ"ת ז"ל בעל פה"**.

איז שוין פונעם גדר אָן - דער וויינגארטן; וויבאלד אז עס איז שוין דא א גדר, הייסט דאס שוין אויך א 'כרם', כאטש פונעם גדר ביזן כרם איז נאך דא א שטיקל פלאץ.

די אלע זאכן, די אלע עצות וואס צדיקים גיבן, דאס איז דאך אלץ הוספות - זיי גיבן דאך עצות. דער רבי האט געזאגט די צען קאפיטלעך תהלים - און ר' נתן האט געמאכט א תפילה אויך - דאס איז שוין א 'גדר לכרם', אבער דאס איז אויך דער כרם.

אז מען רעדט א דיבור צום אויבערשטן - דאס איז דאך אלץ הוספות צו מקיים זיין דער תורה, אבער דאס אליין איז שוין אויך די תורה אליין. פארוואס? וויבאלד אז די צדיקים גיבן שוין דעם גדר, הייסט שוין דאס אויך 'כרם'!

אז איינער איז עובר אויף א זאך פון א דרבנן - 'שניות לעריות', 'שבות לשבת' - איז נאך פארקערט, דער עונש איז נאך גאר גרעסער - נאך ווי אזוי גאר – א (בפירוש'ע) משנה[ג]. פארוואס? ווייל 'זיי' (החכמים) זענען מחזק די תורה, זיי זאגן אז 'אמירה לנכרי - שבות' - און אזוי די אלע מצוות וואס די חכמים האבן מוסיף געווען - און דאס איז די תורה, און דאס איז די בחירה!

יעדער איינער דארף זיך מאכן גדרים: גדרים ער זאל היטן די אויגן, גדרים צו היטן דאס מויל, גדרים צו היטן דעם געדאנק; ער זאל זיך מאכן גדרים וסייגים מיט אלעם כדי ער זאל קענען קומען צו דערצו וואס דער אויבערשטער הייסט!

---

[ג] עי' משניות סנהדרין פי"א, מ"ג: "**חומר בדברי סופרים מדברי תורה, האומר אין תפלין, כדי לעבור על דברי תורה, פטור. חמש טוטפות, להוסיף על דברי סופרים, חייב**", ועיי"ש בפי' המשניות להרמב"ם. גם עי' בגמ' עירובין כא ע"ב: "דרש רבא, מאי דכתיב 'ויותר מהמה בני הזהר עשות ספרים הרבה' וגו'? בני, **הזהר בדברי סופרים יותר מדברי תורה, שדברי תורה יש בהן עשה ולא תעשה, ודברי סופרים כל העובר על דברי סופרים חייב מיתה**".

"ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" - דארף איך זיך מאכן גדרים מיט אלע מיני עצות איך זאל קענען מקיים זיין דעם 'ולא תתורו' - און דאס הייסט שוין אן הוספה, און דאס איז די בחירה.

דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה'ן: "לך אל העם" - און מאך פרישה צווי טעג, און ער האט געמאכט פרישה דריי טעג, איז א רמז נפלא, אז די צדיקים - זייער בחירה איז נאר וואס זיי זענען תמיד מוסיף אויף דער תורה הקדושה; נישט אז זיי זענען מוסיף צו מאכן דארטן פינעף פרשיות תפילין און פינעף ציציות, נאר זיי זענען מוסיף גדרים אז מען זאל קענען מקיים זיין די תורה, און דאס איז טאקע די בחירה!

עס איז טאקע דא אזעלכע דארט (הצדוקים והקראים) וואס זאגן: 'תורה אליין'! (אבל באמת) אָן די הוספה איז נישטא קיין תורה; אן דעם גדר איז נישטא קיין תורה!

## "יש להקל אופן התשובה"

מען קען זאגן, ברוך השם, מיר האבן נישט קיין בחירה - מיר לייגן תפילין אינדערפרי, עס איז שוין ממש אָן בחירה, מען טוט אן די טלית און תפילין - אבער דעם 'לשם יחוד' פון פריער, און מקיים זיין די מצוה מיט מער כוונה, אויף דעם האבן מיר יא בחירה יעדן טאג - דאס איז קעגן 'עטיפת טלית', און דער דאווענען - יעדע זאך איז דאך אזוי: דער עצם זאך אליין איז שוין (בלי נסיון ובחירה), אבער די הוספה וואס מען דארף מאכן (- באיכות של המצוה) - און דאס איז דער עיקר; דער עיקר קיום איז טאקע די הוספה - צדיקים זענען כסדר מוסיף.

ער האט דאך געזאגט - ר' שמואל אייזיק: "ער זאל זאגן היינט דעם אייגענעם שמע ישראל פון נעכטן, איז אים זיין לעבן נישט ניחא!".

און דאס וואס ר' נתן האט געזאגט: ["אים האט דער רבי געפירט אויף א שארף פון א שווערד - און ער איז ביינעקומען; מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי מקבל

געוועזן -] מיר האבן מקבל געוועזן פון דעם רבי'ן, [אז מען קען נישט דאווענען יום כיפור - דאוונט מען צו גא-ט'ס נאמען"]. איז אויך דאס אייגענע: מיר האבן מקבל געוועזן פון דעם רבי'ן דעם דרך, דער גדר - אז מען זאל נישט אראפפאלן ביי זיך; כאטש איך האב נישט געדאוונט - וועל איך מארגן דאווענען! - איז דאך דאס אויך א גדר, דאס איז אויך א גדר!

ר' נתן האט דאך אויסגערעכנט אזעלכע: "פארוואס איז טאקע דער - דער? ווייל ער האט געהאט אין זיך אזוי פיל די מידה פון התחזקות"[ד] - אויסגערעכנט אזוי פיל צדיקים. קומט דאך אויס, אז די התחזקות איז אויך א געוואלדיגער גדר; אזוי ווי ביי די 'גרויסע' דארטן - איז (זייער גדר) יראה מיט פחד; (איז ביי אונז -) די התחזקות - דאס איז דער גדר!

דער רבי ברענגט דאך אין ספר המידות[ה]: "יש להקל אופן התשובה על החוטאים" - מען זאל מיקל זיין, נישט מאכן קיין שווערע תשובות אויף זיי. זאגט דאך אויך דער צדיק אזוי: "יש להקל אופן התשובה", און דאס איז דער קיום התורה!

❖ ❖ ❖

[ד] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, אות קמ"ג: "מוהרנ"ת מנה פעם הרבה צדיקים, ואמר: **"פארוואס איז דער געוועזן דער? ווייל ער האט געהאט אזוי פיל די מידה פון התחזקות; און פארוואס איז דער געוועזן דער? ווייל ער האט געהאט אזוי פיל די מידה פון התחזקות"**, וכך הלך ומנה כמה וכמה צדיקים גדולים, שכולם לא באו למדריגתם כי אם על ידי התחזקות; וסיים מוהרנ"ת ואמר: **"און פארוואס בין איך דאס וואס איך בין? ווייל איך האב אין זיך אזוי פיל די מידה פון התחזקות!"**.

[ה] ערך 'תשובה', אות י"ט.

## דארטן כאפט מען נישט קיין פלעצער...

(לומד תורה קצ"א:) "דע שאפשר שיֵשב אחד אצל חבירו במקום אחד בגן עדן, ולזה יהיו כל התענוגים והשעשועים וכל הש"י עולמות, וחבירו לא ירגיש כלום ולא יהיה לו שום תענוג".

פרעגט זיך די קשיא: ווי קען דאס זיין ער זאל זיצן לעבן אים אין גן עדן? דא אין דעם עולם קען זיין אז מען זאל זיצן איינעם לעבן דעם אנדערן - און איינער איז, און דער אנדערער נישט, אבער (עם כל זה) זיצט ער דאך לעבן אנדערן - זיצט ער לעבן אנדערן, אבער אויבן זעצט מען דאך נישט אוועק 'אזוי'!?

די גמרא[1] זאגט דארטן, אז ר' יוחנן (וועט זיצן בעולם הבא) לעבן ר' ינאי, און ר' ינאי לעבן ר' חייא'ן - דארטן כאפט מען נישט קיין פלעצער... אזוי ווי מען זעצט אוועק - דאס איז דיין פלאץ - דא זיץ. איז ווי קען זיין אז דער רבי זאגט דא, אז איינער זיצט לעבן אנדערן אין 'גן עדן' - און דער זאל פילן אלע ש"י עולמות, און דער זאל גארנישט פילן - ווי קומט ער צו זיצן לעבן אים?! ווען דער רבי זאל ווען זאגן – דא (- בעולם הזה), דא קען זיין אז איינער זיצט לעבן אנדערן - אבער דארטן? דארט איז דאך דער גן עדן!

מען פלעגט עס טייטשן אמאל, אז אין גמרא איז כמה דא: "יש קונה עולמו בשעה אחת" - עס איז דא א זאך אז ער איז 'קונה עולמו בשעה אחת' - איז קען ער האבן גן עדן, אבער די השגות אלוקות וועט ער נישט פילן. ער האט גן עדן, עס קומט אים גן עדן, אבער פילן דאס התקרבות צום אויבערשטן, השגות אלוקות - דאס קען ער נישט פילן, צו דעם האט מען געמוזט הארעווען אויף דער וועלט.

---

[1] בבא מציעא פה:

עס ווערט טאקע געבראכט אזוי - אזא מין מעשה ווערט געבראכט: אז איינער איז געזעצן אין גן עדן ווייל ער האט זיך קונה געווען עולמו בשעה אחת, אבער ער האט נישט געהאט קיין שום השגות אלוקות; די השגות אלוקות וואס די צדיקים האבן ווייל זיי האבן אלע יארן געהארעוועט, האט ער נישט [געהאט]. זאגט ער: וואספארא גן עדן האב איך דא? איך האב דאך נישט קיין שום תענוג דא?!

- האט מען אים געזאגט טאקע דאס דאזיגע: 'גן עדן קומט דיר - ווייל דו האסט געטוהן אזא מין זאך, אבער השגות אלקות - דאס מוז מען הארעווען!'. (טען בפניהם:) 'נו, וואס האב איך (דערפון)?'. האט מען אים געזאגט: 'נו, דו קענסט נאכאמאל מגולגל ווערן'. (ענה להם:) 'טאמער וועל איך זינדיגן?' - האט מען אים צוגעזאגט: 'זינדיגן וועסטו נישט - דאס זאגט מען דיר צו, ווייל עס קומט דאך דיר פארט גן עדן, נאר השגות אלוקות - צו דעם דארפסטו הארעווען!' - האט מען אים מבטיח געווען אז ער וועט נישט זינדיגן.

❖

## באקומען א פלאץ לעבן דעם מהר"ם מראטענבערג

עס שטייט טאקע[ז], אז דער וואס האט געבראכט דער מהר"ם מראטענבערג לקבורה - עס איז דאך געווען יארן וואס דער מהר"ם מראטענבערג איז נישט געקומען לקבורה. איינער, דאכט זיך - ר' סענדער, א גרויסער עושר, נישט אפילו קיין תלמיד - ער האט אוועקגעגעבן א וועלט מיט געלט, א פארמעג. פארוואס האבן די תלמידים נישט געוואלט געבן? ווייל על-פי גמרא טאר מען נישט, אבער ער האט זיך איינ(געשפארט) - און ער האט אים געבראכט לקבורה.

---

[ז] עי' סדר הדורות שנת ה"א מ"ו.

- האט ער באקומען (לשכָרו) אז ער וועט זיין אין גן-עדן לעבן דעם מהר"ם מראטענבערג - א חבר אין גן עדן. איז אויך דאס אייגענע: א קליניקייט? דער מהר"ם מראטענבערג! דער רמ"א'ס א רבי, א געוואלד!

קען מען דא אויך זאגן אזא מין דוגמא: (אפילו) ער איז זיינער א (שכן), אבער איז ער דען דער מהר"ם מראטענבערג? קען ער דען האבן די השגות וואס דער מהר"ם מראטענבערג האט געהאט? א געוואלד! דער מהר"ם מראטענבערג, א קליינִיקייט?! קען מען זאגן אויך דאס דאזיגע, ער האט טאקע א זכיה - ווייל ער האט אים געראטעוועט, ער האט אים געבראכט לקבורה, אבער די השגות אלקות וואס זיי האבן דארטן - קען ער נישט האבן, דאס קען ער נישט האבן.

צו עס איז א תירוץ, צו נישט, וויים איך נישט! אפשר ווייסט איינער א בעסערן תירוץ.

(ר' לוי יצחק פונה לר' שמואל שפירא:) ר' שמואל! מיר רעדן דא, אז דער רבי זאגט אז עס קען זיין איינער זאל זיצן לעבן חבר אין איין ארט אין גן עדן - און דער זאל פילן אלע ש"י עולמות, און דער זאל גארנישט פילן קיין שום תענוג. איז די קשיא, ווי קומט ער צו זיצן לעבן אים אין גן עדן? מילא דא אין דעם עולם - קען זיין ער זעצט זיך אוועק לעבן א צדיק - ער זיצט, אבער דארטן לאזט מען דאך נישט זיצן, דארטן גיט מען אים א פלאץ - דאס איז זיין פלאץ! דער רבי זאגט דאך: "במקום אחד".

די גמרא רעכנט דארטן אויס - ר' יוחנן, ר' ינאי, מיט ר' חייא'ן. ר' יוחנן זיצט נישט לעבן ר' חייא'ן, נאר ביי דעם דריטן פלאץ פון ר' חייא'ן. זעהט מען דאך - אפילו ר' יוחנן, א קליניקייט? דער 'מרא דארעא דישראל'! פונדעסטוועגן דאס איז זיין פלאץ - און ער איז ווייטער.

"במקום אחד" - דער גן עדן איז דאך כמה פעמים גרעסער ווי דער וועלט אינגאנצן - און זיי זיצן לעבן אין איין ארט?!

# שיעור פרשת וירא
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 101#)

## זאת התורה – אדם

(שיעור בליקוטי מוהר"ן סי' רמ"ה: "דע, שיש חדרי תורה") **"דע שיש חדרי תורה, ומי שזוכה להם, כשמתחיל לחדש בתורה, הוא נכנס בהחדרים, ונכנס מחדר לחדר ומחדר לחדר, כי בכל חדר וחדר יש כמה וכמה פתחים לחדרים אחרים, וכן מאותן החדרים לחדרים אחרים, והוא נכנס ומטייל בכולם, ומלקט משם אוצרות וסגולות יקרות וחמודות מאד אשרי חלקו. אבל דע, שצריך ליזהר מאד, לבל יטעה בעצמו, כי לא במהרה זוכין לזה, כי יש כמה וכמה חידושין שאינם באים משם, רק מהיכלי התמורות, כי את זה לעומת זה עשה אלקים. ואף שנדמה לאדם להשגה גדולה, אף על פי כן, גם שם יש חידושים נאים שנדמין להשגות.**

**"וגם בזה יש כמה בחינות, כמו למשל כשכותבין תיבת 'אדם', יודעין שזה מרמז על דמות האדם, אבל הוא רק ברמז בעלמא, כי אין כתוב שם שום ציור האדם, ויש שמציירין על הנייר ציור האדם, ושם נגלה יותר קצת דמות האדם, ויש שמנסרין ציור האדם מחתיכת עץ, ושם נתגלה עוד יותר ציור האדם, אבל אף על פי כן אין זה אדם ממש. רק האדם בעצמו הוא האדם באמת. כמו-כן יש כמה חידושין של תורה שהם רק כמו פנקס וכמו שכותבין תיבת אדם לבד, כי**

התורה היא בחינת אדם, כמו שכתוב (במדבר י"ט): 'זאת התורה אדם', ויש שהוא נכנס לפנים מזה, אבל אף על פי כן אין זה אדם כנ"ל, רק כשזוכין אל התורה בעצמו זהו בחינת אדם באמת.

"וזהו: 'זאת התורה אדם' - 'זאת התורה' דייקא, היינו רק זאת התורה האמיתית, הוא בחינת אדם!" - דער אמת'ער צדיק טאקע - זיין תורה, זיין תורה איז טאקע "אדם" ממש, "זאת התורה אדם" - די תורה פון די יחידי הדורות! די אמת'ע בעלי רוח הקודש - זיי זענען טאקע אריינגעאנגען אין די חדרים, און ווער שמועסט דארטן גאר פון די יחידי סגולה - איז אוודאי!

פארוואס לאזטו זיך נארן - דו האסט דאך דעם ליקוטי מוהר"ן?! דאס איז פון אן 'אדם' ממש, 'זאת התורה אדם' - די תורה איז א תורה פון אן אדם, נו, פארוואס דארפסטו קלערן? מען דארף לערנען די תורות וואס דאס האט געמאכט אן אדם ממש!

(ר' יוחנן גאלאנט: אז איינער וויל לערנען - און ער זאל זיך נישט נארן? (- מה יעשה)) זאל ער זיך נישט נארן - ער זאל זיך נישט איינרעדן אז מיט וואס ער לערנט דארטן גייט ער אריין אין חדר אריין. עס איז גוט (זיין תורה אפילו ווי אזוי ער האלט נאך!). אז ער לערנט מאמרים וואס איז געמאכט געווארן דורך בעלי רוח הקודש - איז אוודאי העכער, אבער ער זאל זיך נישט איינרעדן אז ער איז אריינגעאנגען אין די 'חדרי התורה'. נאר וואס דען? עס איז אזוי אויך גוט; אז ער ווייסט אז ער איז נאכנישט אריינגעאנגען אין די חדרי התורה, איז גוט.

דער רבי זאגט: "צריך ליזהר מאד" - מען זאל זיך נישט לאזן נארן! דער רבי רעדט דאך גאר פון גרויסע מענטשן – (ואליהם הוא פונה:) מען זאל זיך נישט לאזן נארן אז מען איז שוין אריינגעאנגען אין די 'חדרי התורה' - אז א מענטש לאזט זיך נארן - טויג נישט. אז ער רעדט עפעס א השגה, א חידוש - און עס קען זיין אז ס'איז גאר מדמה, עס איז גאר א דמיון, מיינט ער אז ער איז שוין אריינגעאנגען אין די חדרי תורה - און עס איז גענארט.

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט: "כל אחד מקבל ממקום שמקבל") **יא יא**[ח].

**זאגט דער רבי: "ודע שכל אדם קודם שמשיג בתורה השגה של אמת, צריך לילך בהכרח דרך אלו היכלות התמורות, אבל הכלל שאסור לטעות בעצמו, לסבור שכבר בא אל ההשגה הראוי". דער איבערשטער קומט דאך נישט בטרוניא מיט א מענטשן, ער דארף דאך אויך לערנען, די אלע וואס זענען נישט זוכה דערצו - זיי דארפן נישט לערנען? נאר איך לערן וועדליג מיין יכולת, אבער איך דארף וויסן אז איך בין נאכנישט אריינגעגאנגען אין דעם היכל התורה, איך שטיי נאך אינגאנצן אינדרויסן.**

**ביי יעדע זאך וואס מען לערנט, ביי יעדער לימוד וואס מען לערנט** (- שייך הנ"ל) **אוודאי, וואס א מענטש איז מער אויסגעאיידלט - מער מיט תפילה, מער מיט דעם אויבערשטן, ער רעדט דיבורים, איז ער נענטער דערצו - אבער ממש אריינגיין אין היכל התורה איז 'זעירין** (אינון דזכיין ליה')**. על-כל-פנים, דארף מען האבן כאטש א התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק וואס ער איז יא אריינגעגאנגען אין די חדרי התורה, ער איז יא דער אמת'ער 'אדם'.**

**ביי "תפילה" זאגט דאך דער רבי אזוי - אין די תורה "אמור אל הכהנים" - און אין נאך תורות: אז מען זאל זיך מקשר זיין צו דעם צדיק. דער רבי רעדט די גרויסקייט פון תפילה** (אז דאס איז דער כלי זיין) **אין אלע מלחמות. זאגט דער רבי: מען דארף זיך מקשר זיין צו דעם צדיק וואס ער האלט ביי די אלע תיקונים; "בן פורת יוסף" - די אלע אורות האט ער** (עיי"ש)**; דארף מען האבן א התקשרות צו דעם צדיק.**

**ביי יעדע מצוה וואס מען טוהט דארף מען האבן א התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק וואס ער האט געהאלטן ביי דעם. ביי תורה איז אויך אזוי: ביי תורה דארף מען**

---

[ח] עי' שיחות הר"ן ה': "אלו האומרים פשטים וחידושים בגמרא פירוש רש"י ותוספות, אילו לא היה נשלח להם מלמעלה מן השמים אי אפשר להם כלל לבוא על החידוש. רק באמת הכל מלמעלה. **וכל אחד מקבל ממקום שמקבל, ועי' במקום אחר מזה.** כי בוודאי יש בענין זה אלפים ורבבות מדריגות מהיכן כל אחד ואחד מקבל הארה והתנוצצות בשכלו ומאיזה מקום מושיטין לו החידוש או החכמה".

אויך האבן א התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק וואס ער האט געהאלטן ביי די אמת'ע תורה.

"כי אם יסבור כן, ישאר שם, חס ושלום" - ער וועט קיינמאל נישט ארויס; אויב ער וועט וויסן אז ער איז נאכנישט אריינגעגאנגען און ער וועט זוכן, וועט ער אפשר שפעטער אריינגיין - אבער אז ער וועט מיינען אז ער איז שוין אריינגעגאנגען, וועט ער דארט איבערבלייבן. אז איך וויים אז איך בין נאך אינדרויסן, ווייס איך אז איך דארף נאך (זוכן), אבער אז איך מיין אז איך בין שוין אינעווייניג - איז ער דאך שוין אינעווייניג, וועט ער דארט איבערבלייבן אלע יארן.

**"אבל כשיֵדע שעדיין לא התחיל ליכנס לחדרי תורה האמיתיים, אזי יתחזק בעבודת השם, וירבה בתפילות, ויפציר עד שיפתחו לו שערי הקדושה באמת, ואז יראה ההפרש.**

**"ואפילו אם עשה עובדות ותעניתים וסיגופים בשביל השם יתברך, ואחר כך זכה לחידושין, אף-על-פי-כן אל יעמוד על זה לסבור שהם השגות של אמת הנ"ל, כי אפילו להדמיונות של היכלי התמורות צריך עובדות ותעניתים.**

**"ואפילו בתאוות עולם הזה יש דוגמא לזה, כגון למשל כשעושין שחוק וקומֶדיע, אזי נוסע אחד ומכריז וחושב כל הדברים שיעשו על הקומדיע, ואף שהוא תאוה לשמוע, אף על פי כן אין זה השחוק בעצמו, וכן כשבא להחדר שעושין שם הקומדיע יש שם מצוייר על הטבלא כל הדברים שיעשו שם, וגם זה אינו הדבר בעצמו, ואפילו כשבאים לשם לפנים, עומד לץ אחד, ועושה כמעשה קוף, וכל הדברים שעושה הבעל קומדיע, הוא עושה אחריו בליצנות, וגם זה אינו הדבר בעצמו, ועיקר הוא השחוק בעצמו שעושין שם. וכמו כן תבין הנמשל מעצמו, כי יש מי שנדמה לו שנכנס לפנים, ולפני ולפנים, ועדיין עומד בחוץ לגמרי, כי לא התחיל להשיג השגה של אמת".**

# פתחו לי – עפן מיר אויף!

**"והצדיק הגדול מאד, אף כשזוכה להשיג השגות גדולות של הקדושה באמת, אף-על-פי-כן אינם נחשבים בעיניו לכלום, לגודל עוצם הכרתו את גדולות הבורא יתברך. על כן הוא משתדל ומתחזק בכל פעם, שיתחיל השם יתברך להראות לו אור התורה, כאילו לא התחיל להשיג כלל מימיו"!**

- עס שטייט טאקע - דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט (עה"פ:) "פתחו לי שערי צדק זה השער לה'" - די צדיקים שרייען תמיד: "פתחו לי שערי צדק" - עפן מיר אויף דעם שער!

וואס איז דער "שער לה'" וואס "צדיקים יבואו בו"? דאס וואס זיי שרייען תמיד "פתחו לי שערי צדק" - דאס איז דער "שער לה'"! איז תמיד שרייען זיי 'פתחו לי' - עפן מיר אויף! עפן מיר אויף! - און דאס איז דער 'שער לה''! אבער אז ער מיינט אז מען האט אים שוין געעפנט און ער איז שוין אינעווייניג - דאס איז נישט קיין שער לה'.

(השואל: אבער עס מאכט זיך טאקע אז איינער איז אינעווייניג!?) ביי ווען מען מאכט זיך? (הנ"ל: ביים אמת'ן צדיק!) דער אויבערשטער איז דאך אַן 'אור אין סוף'! (קומט אויס) אז דאס איז דער 'שער' - אז ער שרייט תמיד: 'פתחו לי' - עפן מיר אויף!

אז מען עפנט אויף א טיר (בגשמיות), האב איך שוין געעפנט דעם טיר - דאס איז א טיר בגשמיות. אבער א טיר ברוחניות - אפילו איך האב אים געעפנט, איז ווייטער - מאך דער טיר ברייטער און ברייטער און נאך ברייטער. די ערגסטע זאך איז, אז א מענטש מיינט אז ער איז שוין אינעווייניג - און ער איז אינדרויסן, דאס איז ערגער פון אלעם!

דאס איז אויך (א ווארט) פון דעם רבי'ן ר' אלימלך: א מענטש אויף דער עלטער אז ער קען שוין נישט שלאפן, מיינט ער אז ער האט צובראכן די תאוה פון שֵינה; און אז ער קען שוין נישט עסן, מיינט ער אז ער האט שוין צובראכן די תאוה פון אכילה, (און אזוי ווייטער) די אנדערע זאכן; 'נמצא' גייט ער אוועק אָן תשובה. די תאוות האבן אים אוועקגעווארפן - און ער מיינט אז ער האט אוועקגעווארפן די תאוות... גייט ער אוועק אן תשובה[ט].

## געשריגן ביז די לעצטע רגע...

מיר האבן געקענט אידן פון [העכער] די אכציג יאר וואס זיי האבן (נאך) געשריגן ביי דעם (תפילה שאחרי) תיקון הכללי: "ראה מסוכן כמוני!". דער ר' ישראל טירהאוויצער[י] פלעגט שרייען מיטן פנים צו דער וואנט אזעלכע קולות: "ראה מסוכן כמוני".

ער איז געווען אן אלטער איד פון עטליכע אין אכציג יאר - און ער האט אזעלכע קולות געשריגן... דאס שרייט זיך נישט סתם, דאס איז בכוח פונעם רבי'ן! ארייגצוגיין אין אזא מין זאך - שרייען מיט קולי קולות: "ראה מסוכן כמוני טורף בלב ימים" – 'איך דערטרינק זיך! איך דערטרינק זיך!'. אן עלטערער מענטש וואס האט אלע יארן געהארעוועט אין אידישקייט - ער ווייסט אז ביז דער לעצטער רגע איז ער אין א סכנה![יא] - דאס צו וויסן דארף מען אויך האבן א זכיה...

---

[ט] עי' ספר "אהל אלימלך", אות קמ"ב, ומסיים שם: "ואינו מרגיש כלל שכל זה הוא מחמת שנחלשו אבריו וחושיו, **ביז ער איז זיך אליין מוחל זיינע עבירות און שטארבט רח"ל אָן תשובה רח"ל**". עי' גם בשיחות הר"ן נ"ו.

[י] בנו של ר' חיים סטאָלער וחתנו של ר' נתן ב"ר יהודה מטבריה. בנערותו היה בן בית אצל ר' נפתלי תלמיד רביז"ל. נפטר בשנת תרפ"ב או תרפ"ג בהיותו למעלה מפ' שנים (גידוה"נ).

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' גרים ה"ג, אות י"ח: "ועל כן אמרו רז"ל: **'אל תאמין בעצמך עד יום מותך'. וכמו שמצינו כבר כמה צדיקים ואנשים גדולים וכמה אנשים כשרים וחשובים שכבר עסקו בעבודת ה' באמת ימים ושנים, ואחר כך נלכדו בעבירות חמורות חס ושלום, רחמנא לצלן, וכמובא בכתבי האר"י מזה**".

אבער דער וואס האט גארנישט געהארעוועט - דאכט זיך אים: ער זעצט זיך אוועק - (איך בין דאך) שוין אן עלטערער איד, א שיינער איד, די תורה הייסט דאך אים אפגעבן כבוד, די תורה זאגט אז מען דארף זיך אויפשטעלן פאר אים – (וועל איך) האבן כבוד, און שוין... איך ווייס דאך ביי זיך אז איך לערן און איך דאוון! - איז ער שוין א פערטיגער! ער וועט קיינמאל נישט אריינגיין אינעווייניג. ביז די לעצטע רגע ממש - ביז די לעצטע רגע דארף איך האבן גרוים רחמים, אוי!

❖ ❖ ❖

## געדארפט אלץ אוועקלייגן

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' רמ"ו:) "לפעמים צריך האדם שיהיה לו גדלות, כמה שכתוב (דברי הימים ב י"ז): "ויגבה לבו בדרכי ה'". והוא מועיל כמו תענית, כי כשצריך לבוא להשגה ולעלות לאיזה מדריגה, אזי צריך לשכוח את חכמתו שמקודם. וכמו שמצינו (בבא מציעא פה.): שרבי זירא התענה כדי לשכוח תלמוד בבלי, כי היה צריך לבוא להשגה יותר גדולה שהיא תורת ארץ ישראל".

- איז די קשיא: רבי זירא האט דען פארגעסן תלמוד בבלי? ער איז דאך גלייך אריינגעגאנגען אין די ישיבה פון רבי יוחנן – ער איז געווארן א תלמיד ביי ר' יוחנן, תלמוד בבלי האט ער פארגעסן? נאר דער אור פון תורת ארץ ישראל איז אזא מין אור, אז אויב ער וועט האבן דעם געדאנק פון תורת (חוץ לארץ), דעמאלט קען ער נישט אריננעמען דעם גרעסערן אור.

אז רבי יודל איז געווארן מקורב צום רבי'ן און האט ער באדארפט נעמען דעם אור פונעם רבי'ן, האט ער געדארפט אינגאנצן פארגעסן זיין צדקות און זיין קדושה פון פריער - גלייך ווי ער איז גארנישט. דער רבי האט אים געזאגט טאקע: "לדעת בארץ דרכך?!" – און דעמאלט האט ער גענומען פון רבי'ן![יב]

[יב] עי' שיחות הר"ן רצ"ב.

ווען ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן איז ער אריינגעקומען אזוי ווי עס קומט אריין א גדול צו א גדול – 'איך בין אויך עפעס, נאר איך וויל ביי אייך אויך לערנען עפעס א דרך אין עבודת השם' - אזוי האט ער גארנישט געקענט נעמען פון דעם רבי'ן. אז דער רבי האט אים א זאג געגעבן: "לדעת בארץ דרכך?!" - דעמאלט איז ער שוין געווארן ביי זיך טאקע (בשפלות) אזוי ווי מען דארף, האט אים שוין דער רבי געוויזן א וועג.

- "והגדלות מועיל כמו התענית הנ"ל, כי על ידי הגדלות שוכח גם כן את חכמתו, כמו שאמרו רז"ל (פסחים סו:): 'כל המתגאה חכמתו מסתלקת ממנו', אך צריך לזה חכמה יתירה, כי בוודאי גדלות הוא איסור גדול מאד, ואם יתגאה באמת, בוודאי חכמתו תסתלק ממנו לגמרי, ולא יבוא להשגה, ויהיה נעשה שוטה ממש, אך צריך לזה אמנות יתירה איך להתנהג בזה, שיהיה לו גדלות רק כדי לשכוח חכמתו שמקודם שהוא צריך לשכוח כנ"ל, ואף-על-פי-כן יהיה עניו באמת".

רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי רבי פינחס'ל קאריצער. רבי פינחס'ל איז נפטר געווארן תקנ"א, און רבי יודל איז מקורב געווארן צום רבי'ן תקנ"ב-נ"ג.

רבי יודל איז גארנישט געווען קיין קליינקייט, ער איז געווען רבי לייב טראסטיניצער'ס אן איידעם, א געוואלד געוועזן, א הימל מענטש, ער האט געוואוסט וואס טוהט זיך אין הימל - און ווען ער איז געקומען צום רבי'ן איז ער אלט געווען זעקס-זיבן און דרייסיג - און דער רבי איז אלט געווען עטליכע און צוואנציג יאר.

ווען דער רבי איז געווארן א רבי אין מעדוועדיווקע איז ער (דער רבי) אלט געווען אכצן יאר, און ביי (די נסיעה צו) ארץ ישראל איז דער רבי אלט געווען, זעקס-און-צוואנציג יאר. און רבי יודל איז געווארן מקורב אסאך פאר ארץ ישראל, און ער איז געווען (קודם) אזא מין תלמיד ביי רבי פנחס'ל קאריצער - אזוי גרויס. קומט ער אריין

צום רבי'ן - וואס קען ער נעמען פונעם רבי'ן? ער וויל לערנען ביי אים א דרך אין עבודת השם - אבער (רבינו אמר לו כנ"ל).

(השואל: וואס איז בעסער 'גדלות' אדער 'תענית'?) הע... גדלות איז א גרעסערע חכמה.

## "נישט דאווענען - און מיינען אז מען דאוונט"

רבי נתן האט טאקע פארגעסן אלעס, ער האט אינגאנצן אוועקגעלייגט דעם מוח: 'איך ווייס גארנישט'[יג] - אזוי ווי א קטן שנולד!

דער רבי האט דאך טאקע אזוי געזאגט: "ווען מען דערמאנט זיך אין מיר, איז מען כקטן שנולד!"

אז מען דערמאנט זיך אין דעם כח פונעם רבי'ן קען מען זיין ממש אזוי ווי היינט געבוירן געווארן - און דעמאלט קען מען טאקע נעמען פונעם רבי'ן, אבער אז ער איז שוין אן אלטער - ער איז א חסיד פון זעכציג יאר, א חסיד פון פופציג יאר - ער איז אן אלטער חסיד - וואס וועט ער נעמען? וואס קען ער נעמען? ער גיט גאר! וואס קען ער נעמען?!

(השואל: וואס איז בעסער טאקע למעשה, גַדלות אדער תענית?) פאר אונז - איזביידע נישט, נישט גדלות און נישט תענית!

(השואל: איז וואס דארף מען טוהן צו קומען צו די גרעסערע השגה?) (אחד הנוכחים: תפילה!) - בעטן דעם אויבערשטן: 'שוין אזוי פיל יארן וואס מען ווערט אנגערופן אויף 'דעם' נאמען און מען איז נאך אינגאנצן אינדרויסן, נישט נאר 'בשם המושאל', נאר

---

[יג] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, קמ"ז; ובליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ג: "העיקר והיסוד שהכל תלוי בו, לקשר עצמו להצדיק שבדור, ולקבל דבריו על כל אשר יאמר כי הוא זה, דבר קטן ודבר גדול. ולבלי לנטות, חס ושלום, מדבריו ימין ושמאל, כמו שאמרו רז"ל (ספרי פרשת שופטים): 'אפלו אומר לך על ימין שמאל' וכו'. ולהשליך מאתו כל החכמות, ולסלק דעתו כאלו אין לו **שום** שכל, בלעדי אשר יקבל מהצדיק והרב שבדור. וכל זמן שנשאר אצלו **שום** שכל עצמו, אינו בשלימות, ואינו מקושר להצדיק".

אינגאנצן אינדרויסן ממש, מען האט נאך נישט איבערגעטראטן דעם שוועל' - און מיט אן אמת! אז ער וועט שרייען מיט אן אמת וועט ער אפשר וויסן אז ער שטייט אינדרויסן.

דער רבי זאגט, אז מען דארף האבן א זכיה צו פילן 'כאב חטאיו'. **"אם יזכה שירגיש באמת [כאב חטאיו"**[יד] וכו']. **דא איז אויך דאס אייגענע: פילן אז ער שטייט נאך אינגאנצן אינדרויסן - דארף מען האבן א זכיה.**

דער וואס פילט אז ער שטייט אינדרויסן - דער שווייגט נישט, דער שווייגט נישט, ער וויל דאך אריינגיין אינעווייניג.

דער רבי האט צו אזעלכע (גרויסע) מענטשן געזאגט: **"נישט דאווענען, און מיינען אז מען דאווענט!?"**[טו]. (זיי זענען געווען) גרויסע דאווענערס, אזעלכע עובדי השם, און דער רבי האט געוואלט יענעם אריינברענגען אביסעלע התחדשות - האט ער אים געמוזט אזוי אריינגעבן אזא מין שיין אז ער איז אינגאנצן אינדרויסן – און דאס איז זיין התקרבות!

---

[יד] ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"א.

[טו] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, תתמ"א: "כשדיבר רביז"ל לפני אנ"ש את המבואר בשיחות הר"ן בסי' קכ"א שצריכים להכניס כל הכוחות בעבודת התפילה, עיי"ש, הוכיח אותם אז בזה הלשון: **"פארוואס לייגט איר נישט אריין אייערע כוחות אין דאווענען?"**. ורבי גרשון נכד המגיד מטירהאוויצע היה נוכח שם באותו מעמד, ודרכו היתה להכניס את כל כוחותיו בעבודת התפילה, והיה מאריך ומתאמץ בתפילה בכוונה כחמש או שש שעות בדביקות להשי"ת, על כן הרהר וחשב אז לעצמו: "מה כבר אוכל לעשות יותר כדי להכניס עוד כוח בתפילתי, אחרי שכבר משתדל אני להכניס את כל כוחותי בתפילה?"; ובתוך כדי שחשב והתבונן כנ"ל, נענה רבינו ואמר: **"ניט דאווענען און מיינען אז מען דאווענט"**. כשסיים רבינו את דיבוריו ועמד להיכנס לביהמ"ד שבברסלב כדי להתפלל שם תפילת מנחה, ציוה לרבי גרשון שיכנס לפניו, והעמידו ליד מקומו (של רבינו), וממילא כבר הוכרח להתפלל שם תפילת מנחה על ידו. וסיפר אחר כך רבי גרשון שראה והרגיש אז את הדביקות שהיתה לרבינו בתפילתו, עד שהבין בעצמו שבאמת עדיין לא התחיל מימיו להתפלל כראוי כלל וכללו!". גם עי' "אבניה ברזל" סיפורים מרבינו ז"ל, אות כ"ד, בנוסח שונה קצת.

דער רבי זאגט, אז דער "כי לא יראַני" פון משה רבינו, איז גרעסער ווי דער "ואראה את ה'" פון ישעי' הנביא[טז]. די קשיא פון מנשה'ן איז גארנישט קיין קשיא נישט[יז] – "כי לא יראני" איז העכער, "כי לא יראני" איז גאר "איה מקום כבודו". און "ואראה את ה'" איז "מלא כל הארץ כבודו". זאגט דער רבי: ישעי' הנביא האט געזאגט טאקע "ואראה את ה'" - ווייל ער האט נאך געהאלטן ביי "ואראה את ה'" – (הוא ידע) איך האלט ביי די קלענערע זאך, (כאטש) משה האט געהאלטן ביי "כי לא יראני".

די התקרבות פון דעם גדול שבגדולים איז, אז מען ווייזט אים: 'דו האסט גארנישט, דו ווייסט נאך גארנישט', "מַה" - דאס איז זיין התקרבות, "מה חמית, מה פשפשת". און ער וויל טאקע דאס, אז מען זאל אים כסדר ווייזן – "מה", דאס איז זיין התקרבות! און דעם קלערענערן קען מען נישט ווייזן "מה", מוז מען אים ווייזן "מלא" - דער אויבערשטער איז 'מיט' דיר, און 'ביי' דיר, האלט זיך און פאל נישט אראפ ביי זיך!

---

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ח': "וזהו בחינת החילוק שבין נבואת משה רבינו לשאר נביאים; כי משה ראה באספקלריא המאירה, והם ראו באספקלריא שאינה מאירה (יבמות מט:), שזהו בחינת החילוק שבין השגת דרי מעלה להשגת דרי מטה, שהם בחינת בן ותלמיד. כי משה השיג בחינת (שמות ל"ג): "כי לא יראני האדם וחי", זה בחינת ההשגה של מה, בחינת: מה חמית וכו', שזהו ההשגה של דרי מעלה, בחינת בן. וישעיה, שהיה במדריגה קטנה ממשה, אמר (ישעיה ו): "ואראה את ה'" זה בחינת השגה של דרי מטה, בחינת תלמיד, בחינת 'מלא כל הארץ כבודו'. כי אף על פי שידע ישעיה שיש השגה של בחינת מה, אף על פי כן אמר לפי מדריגתו, שהוא היה בבחינת ההשגה של 'מלא כל הארץ כבודו', בחינת: "ואראה את ה'" ".

[יז] עי' גמ' יבמות מט:

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

הרב **מרדכי**
**לייפער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בנו החה"ח
**מאיר** נ"י עב"ג מוהר"ר אורי
אייזנצוויג הי"ו - קרית טאהש
למזל טוב

מוה"ר **יואל בלייער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
**שמואל צבי** נ"י לעותומ"צ
הבר מצוה תתקיים יום א' שלח
(חו"ל) באולם טאשנאד
למזל טוב

מוה"ר **יושע הערש**
**פריעדמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
**ליפא** נ"י לעותומ"צ
למזל טוב

מוה"ר **ישכר**
**ליכטער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט. ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א. ת.נ.צ.ב.ה